דעם דאָזיקן צוועק איז משיח געשטאָרבן און
לעבעדיק געוואָרן, כּדי ער זאָל זיין האַר איבער טויטע
10 און לעבעדיקע. אָבער דו, פאַרוואָס משפּטסטו דיין
ברודער? אָדער דו, פאַרוואָס ביסטו מבזה דיין
ברודער? וואָרום מיר אַלע וועלן שטיין פאַר גאָטס
11 כּסא־המשפּט. וואָרום עס שטייט געשריבן:

אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער האַר ג־ט, צו
מיר וועט זיך בייגן יעדע קני, און יעדע צונג
וועט לויבן גאָט. (ישעיהו מה, כג.)

12 אַט אַזוי אַרום וועט יעדער איינער פון אונדז מוזן
אָפּגעבן אַ דין וחשבון צו ג־ט פאַר זיך אַליין.
13 טאָט זשע מער נישט משפּטן איינער דעם אַנדערן.
נאָר האַלט ליבער דאָס פאַר רעכט, נישט צו
לייגן קיין מכשול אָדער אַ פּאַסטקע פאַר דעם
14 ברודער. איך ווייס, און בין בטוח אינעם האַר ישוע,
אַז וועזנטלעך איז קיין זאַך נישט טמא; אַ
חוץ פאַר אים, וואָס באַטראַכט עפּעס ווי טמא,
15 פאַר אים איז עס טמא. וואָרום אויב דיין ברודער
ווערט מצער דורך אַ מאכל, (וואָס דו עסט), וואַנדלסטו
מער נישט לויט דער ליבע. זאָל יענער, פאַר וועמען
משיח איז געשטאָרבן, נישט פאַרלוירן ווערן דורך
16 דיין שפּייז! זאָל דעריבער אייער גוטס נישט ווערן
17 קיין סבּה צו לעסטערונג; וואָרום דאָס קעניגרייך
פון ג־ט באַשטייט נישט אין אכילה און שתיה, נאָר
אין צדקות און שלום און שמחה אינעם רוח הקודש.
18 וואָרום דער, וואָס דינט דעם משיח אינעם דאָזיקן, איז
וווילגעפעלן צו ג־ט און איז באַוויליקט ביי
19 מענטשן. לאָמיר זשע זיך נאָכיאָגן נאָך די זאַכן
פון שלום און נאָך די זאַכן, דורך וועלכע מיר
20 וועלן דערבויען איינער דעם אַנדערן. צעשטערט
נישט ג־טס זאַך צוליב אַ מאכל. אַלץ איז טהור; נאָר